*************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| א) וַיִּהְיוּ | און זיי זענען געווען |
| חַיֵּי שָׂרָה | דער לעבן פון שרה |
| מֵאָה שָׁנָה | הונדערט יאהר |
| וְעֶשְׂרִים שָׁנָה | און צוואנציג יאהר |
| וְשֶׁבַע שָׁנִים | און זיבן יאהר |
| שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה: | די יאהרן פון די לעבן פון שרה |
| ב) וַתָּמָת שָׂרָה | און שרה איז געשטארבן |
| בְּקִרְיַת אַרְבַּע | אין קרית ארבע |
| הִוא חֶבְרוֹן | דאס איז חברון |
| בְּאֶרֶץ כְּנָעַן | אין די לאנד כנען |
| וַיָּבֹא אַבְרָהָם | און אברהם איז געקומען |
| לִסְפֹּד לְשָׂרָה | צו באקלאגן צו שרה |
| וְלִבְכֹּתָהּ: | און איהר צו באוויינען |
| ג ) וַיָּקָם אַבְרָהָם | און אברהם איז אויפגעשטאנען |
| מֵעַל פְּנֵי מֵתוֹ | פון אויף פאר זיין געשטארבענעם |
| וַיְדַבֵּר | און ער האט גערעדט |
| אֶל-בְּנֵי-חֵת | צו די קינדער פון חת |
| לֵאמֹר: | אזוי צו זאגן |
| ד) גֵּר | א פרעמדער |
| וְתוֹשָׁב | און א איינוואוינער |
| אָנֹכִי עִמָּכֶם | בין איך מיט אייך |
| תְּנוּ לִי | גיבט צו מיר |
| אֲחֻזַּת קֶבֶר | א הארב פאר א קבר |
| עִמָּכֶם | מיט אייך |
| וְאֶקְבְּרָה | און איך וועל באגראבן |
| מֵתִי | מיין געשטארבענער |
| מִלְּפָנָי: | פון פאר מיר |
| ה) וַיַּעֲנוּ בְנֵי חֵת | און די קינדער פון חת האבן געענטפערט |

***********************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| אֶת אַבְרָהָם | דעם אברהם |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| לוֹ: | צו איהם |
| ו שְׁמָעֵנוּ | הער אונז צו |
| אֲדֹנִי | מיין האר |
| נְשִׂיא אֱלֹהִים | א ג-טליכער האר |
| אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ | ביסטו צווישן אונז |
| בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ | אין די בעסטע פון אונזערע קברים |
| קְבֹר אֶת מֵתֶךָ | באגראב  דיין געשטארבענער |
| אִישׁ מִמֶּנּוּ | קיין איין מענטש פון אונז |
| אֶת קִבְרוֹ | זיין קבר |
| לֹא-יִכְלֶה מִמְּךָ | וועט ער נישט אפהאלטן פון דיר |
| מִקְּבֹר מֵתֶךָ: | פון צו באגראבן דיין געשטארבענעם |
| ז) וַיָּקָם אַבְרָהָם | און אברהם איז אויפגעשטאנען |
| וַיִּשְׁתַּחוּ | און ער האט זיך געבוקט |
| לְעַם הָאָרֶץ | צו די פאלק פון דעם לאנד |
| לִבְנֵי חֵת: | צו די קינדער פון חת |
| ח) וַיְדַבֵּר אִתָּם | און ער האט גערעדט מיט זיי |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| אִם  יֵשׁ אֶת נַפְשְׁכֶם | אויב עס איז דא אייער ווילן |
| לִקְבֹּר | צו באגראבן |
| אֶת מֵתִי | מיין געשטארבענעם |
| מִלְּפָנַי | פון פאר מיר |
| שְׁמָעוּנִי | הערט מיך  צו |
| וּפִגְעוּ לִי | און בעט וועגן מיר |
| בְּעֶפְרוֹן בֶּן צֹחַר: | ביי עפרון דער זוהן פון צחר |
| ט ) וְיִתֶּן לִי | און ער זאל געבן צו מיר |
| אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה | די טאפעלטע מערה |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| אֲשֶׁר לוֹ | וואס איז צו איהם |
| אֲשֶׁר בִּקְצֵה שָׂדֵהוּ | וואס איז ביים ברעג פון זיין פעלד |
| בְּכֶסֶף מָלֵא | מיט די פוהלע געלט |
| יִתְּנֶנָּה לִּי | זאל ער דאס געבן צו מיר |
| בְּתוֹכְכֶם | צווישן אייך |
| לַאֲחֻזַּת קָבֶר: | צו א הארב פאר א קבר |
| י) וְעֶפְרוֹן יֹשֵׁב | און עפרון איז זיצט |
| בְּתוֹךְ בְּנֵי חֵת | צווישן די קינדער פון חת |
| וַיַּעַן עֶפְרוֹן הַחִתִּי | און עפרון דער חתי האט געענטפערט |
| אֶת אַבְרָהָם | דעם אברהם |
| בְּאָזְנֵי בְנֵי חֵת | אין די אויערן פון די קינדער פון חת |
| לְכֹל בָּאֵי | צו אלע וואס קומען אריין |
| שַׁעַר עִירוֹ | אין דעם טויער פון זיין שטאט |
| לֵאמֹר: | אזוי צו זאגן |
| יא) לֹא אֲדֹנִי | נישט אזוי מיין האר |
| שְׁמָעֵנִי | הער מיר צו |
| הַשָּׂדֶה | די פעלד |
| נָתַתִּי לָךְ | האב איך געגעבן צו דיר |
| וְהַמְּעָרָה | און די מערה |
| אֲשֶׁר־בּוֹ | וואס איז אין איהם |
| לְךָ | צו דיר |
| נְתַתִּיהָ | האב איך איהר געגעבן |
| לְעֵינֵי בְנֵי־עַמִּי | צו די אויגן פון די מענטשן פון מיין פאלק |
| נְתַתִּיהָ לָּךְ | האב איך איהר געגעבן צו דיר |
| קְבֹר מֵתֶךָ: | באגראב דיין געשטארבענעם |
| יב) וַיִּשְׁתַּחוּ אַבְרָהָם | און אברהם האט זיך געבוקט |
| לִפְנֵי עַם־הָאָרֶץ: | פאר דעם פאלק פון די לאנד |
| יג) וַיְדַבֵּר אֶל־עֶפְרוֹן | און ער האט גערעדט צו עפרון |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| בְּאָזְנֵי עַם־הָאָרֶץ | אין די אויערן פון די פאלק פון די לאנד |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| אַךְ | נאר |
| אִם־אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי | הלואי זאלסטו מיר צוהערן |
| נָתַתִּי | איך האב געגעבן |
| כֶּסֶף הַשָּׂדֶה | די געלט פון די פעלד |
| קַח מִמֶּנִּי | נעם פון מיר |
| וְאֶקְבְּרָה | און איך וועל באגראבן |
| אֶת־מֵתִי | מיין געשטארבענעם |
| שָׁמָּה: | דארטן |
| יד) וַיַּעַן עֶפְרוֹן | און עפרון האט געענפערט |
| אֶת־אַבְרָהָם | דעם אברהם |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| לוֹ: | צו איהם |
| טו) אֲדֹנִי | מיין הער |
| שְׁמָעֵנִי | הער מיר צו |
| אֶרֶץ | א לאנד |
| אַרְבַּע מֵאֹת שֶׁקֶל־כֶּסֶף | וואס איז ווערד פיר הונדערט זילבערנע שקלים |
| בֵּינִי וּבֵינְךָ | צווישן מיר און צווישן דיר |
| מַה־הִוא | וואס איז דאס ווערד |
| וְאֶת־מֵתְךָ | און דיין געשטארבענער |
| קְבֹר: | באגראב |
| טז) וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם | און אברהם האט צוגעהערט |
| אֶל־עֶפְרוֹן | צו עפרון |
| וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם | און אברהם האט אפגעוואויגן |
| לְעֶפְרֹן | צו עפרון |
| אֶת־הַכֶּסֶף | די געלט |
| אֲשֶׁר דִּבֶּר | וואס ער האט גערעדט |

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| בְּאָזְנֵי בְנֵי-חֵת | אין די אויערן פון די קינדער פון חת |
| אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף | פיהר הונדערט זילבערנע שקלים |
| עֹבֵר לַסֹּחֵר: | וואס גייט אריבער צו יעדן סוחר |
| שני | |
| יז) וַיָּקָם שְׂדֵה עֶפְרוֹן | און די פעלד פון עפרון איז אויפגעשטאנען |
| אֲשֶׁר בַּמַּכְפֵּלָה | וואס איז דא אין דעם די טאפלטע מערה |
| אֲשֶׁר לִפְנֵי מַמְרֵא | וואס איז פאר ממרא |
| הַשָּׂדֶה | די פעלד |
| וְהַמְּעָרָה | און די מערה |
| אֲשֶׁר-בּוֹ | וואס איז אין איהם |
| וְכָל-הָעֵץ | און די אלע בוימער |
| אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה | וואס איז אין פעלד |
| אֲשֶׁר בְּכָל גְּבֻלוֹ | וואס איז אין זיין גאנצן גרעניץ |
| סָבִיב: | ארום און ארום |
| יח) לְאַבְרָהָם | צו אברהם |
| לְמִקְנָה | צו א קויפונג |
| לְעֵינֵי בְנֵי-חֵת | צו די אויגן פון די קינדער פון חת |
| בְּכֹל בָּאֵי | פאר די אלע וואס זיי קומען אריין |
| שַׁעַר-עִירוֹ: | אין די טויער פון זיין שטאט |
| יט) וְאַחֲרֵי-כֵן | און נאך דעם |
| קָבַר אַבְרָהָם | האט אברהם באגראבן |
| אֶת-שָׂרָה אִשְׁתּוֹ | זיין ווייב שרה |
| אֶל-מְעָרַת שְׂדֵה הַמַּכְפֵּלָה | אין די פעלד פון די טאפלטע מערה |
| עַל-פְּנֵי מַמְרֵא | פאר ממרא |
| הִוא חֶבְרוֹן | דאס איז חברון |
| בְּאֶרֶץ כְּנָעַן: | אין די לאנד כנען |
| כ) וַיָּקָם הַשָּׂדֶה | און דאס פעלד איז אויפגעשטאנען (געבליבן שטיין ) |
| וְהַמְּעָרָה | און די מערה |

*************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| אֲשֶׁר–בּוֹ | וואס איז אין איהם |
| לְאַבְרָהָם | צו אברהם |
| לַאֲחֻזַּת–קָבֶר | צו א הארב פאר א קבר |
| מֵאֵת בְּנֵי–חֵת: | פון די קינדער פון חת |
| ק׳ כ״ד | |
| א) וְאַבְרָהָם זָקֵן | און אברהם איז געווארן אלט |
| בָּא בַּיָּמִים | ער איז געקומען אין די טעג (עלטערע יאהרן) |
| וַה׳ בֵּרַךְ | און דער אויבערשטער האט געבענטשט |
| אֶת–אַבְרָהָם | דעם אברהם |
| בַּכֹּל: | מיט אלעם |
| ב) וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם | און אברהם האט געזאגט |
| אֶל–עַבְדּוֹ | צו זיין קנעכט |
| זְקַן בֵּיתוֹ | דער עלטסטער פון זיין שטוב |
| הַמֹּשֵׁל | וואס ער געוועלטיגט |
| בְּכָל–אֲשֶׁר–לוֹ | אין אלעם וואס איז צו איהם |
| שִׂים–נָא יָדְךָ | איך בעט דיר לייג דיין האנט |
| תַּחַת יְרֵכִי: | אונטער מיין דיכט |
| ג) וְאַשְׁבִּיעֲךָ | און איך וועל דיך באשווערן |
| בַּה׳ | אין דעם אויבערשטער |
| אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם | דער ג–ט פון פון דעם הימל |
| וֵאלֹקֵי הָאָרֶץ | און דער ג–ט פון די ערד |
| אֲשֶׁר לֹא–תִקַּח אִשָּׁה | אז דו זאלסט נישט נעמען א ווייב |
| לִבְנִי | צו מיין זוהן |
| מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי | פון די טעכטער פון דעם כנעני |
| אֲשֶׁר אָנֹכִי יוֹשֵׁב | וואס איך זיין |
| בְּקִרְבּוֹ: | צווישן איהם |
| ד) כִּי אֶל–אַרְצִי | נאר צו מיין לאנד |
| וְאֶל–מוֹלַדְתִּי | און צו מיין געבוירונג |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| תֵּלֵךְ | זאלסטו גיין |
| וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה | און דו זלאסט נעמען א ווייב |
| לִבְנִי לְיִצְחָק׃ | צו מיין זוהן צו יצחק |
| ה) וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָעֶבֶד | און דער קנעכט האט געזאגט צו איהם |
| אוּלַי | טאמער |
| לֹא־תֹאבֶה הָאִשָּׁה | וועט די ווייב נישט ווען |
| לָלֶכֶת אַחֲרַי | צו גיין נאך מיר |
| אֶל־הָאָרֶץ הַזֹּאת | צו די לאנד |
| הֶהָשֵׁב אָשִׁיב | צו דען אומקערן זאל איך אומקערן |
| אֶת־בִּנְךָ | דיין זוהן |
| אֶל־הָאָרֶץ | צו די לאנד |
| אֲשֶׁר־יָצָאתָ מִשָּׁם׃ | וואס דו ביסט ארויס פון דארט |
| ו) וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם | און אברהם האט געזאגט צו איהם |
| הִשָּׁמֶר לְךָ | דו זאלסט זיך אפהיטן צו דיר |
| פֶּן־תָּשִׁיב | טאמער דו וועסט אומקערן |
| אֶת־בְּנִי | מיין זוהן |
| שָׁמָּה׃ | דארטן |
| ז) ה׳ אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם | דער אויבערשטער דער ג-ט פון דעם הימל |
| אֲשֶׁר לְקָחַנִי | וואס האט מיר גענומען |
| מִבֵּית אָבִי | פון מיין טאטנ׳ס שטוב |
| וּמֵאֶרֶץ מוֹלַדְתִּי | און פון די לאנד וואס איך בין געבוירן |
| וַאֲשֶׁר דִּבֶּר־לִי | און וואס ער האט גערעדט וועגן מיר |
| וַאֲשֶׁר נִשְׁבַּע־לִי | און וואס ער האט  געשוואוירן צו מיר |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| לְזַרְעֲךָ | צו דיינע קינדער |
| אֶתֵּן | וועל איך געבן |
| אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת | די לאנד |
| הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ | ער וועט שיקן זיין מלאך |

**************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| לְפָנֶיךָ | פאר דיר |
| וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה | און דו זאלסט נעמען א ווייב |
| לִבְנִי | צו מיין זוהן |
| מִשָּׁם: | פון דארט |
| ח) וְאִם־לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה | און אויב די ווייב וועט נישט וועלן |
| לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ | צו גיין נאך דיר |
| וְנִקִּיתָ | וועסטו זיין ריין |
| מִשְּׁבֻעָתִי זֹאת | פון מיין די שבועה |
| רַק | נאר |
| אֶת־בְּנִי | מיין זוהן |
| לֹא תָשֵׁב שָׁמָּה: | זאלסטו נישט אומקערן דארט |
| ט) וַיָּשֶׂם הָעֶבֶד אֶת־יָדוֹ | און דער קנעכט האט געלייגט זיין האנט |
| תַּחַת יֶרֶךְ | אונטער די דיכט |
| אַבְרָהָם אֲדֹנָיו | פון זיין האר אברהם |
| וַיִּשָּׁבַע לוֹ | און ער האט געשוואוירן צו איהם |
| עַל־הַדָּבָר הַזֶּה: | אויף די זאך |
| [שלישי] | |
| י) וַיִּקַּח הָעֶבֶד | און דער קנעכט האט גענומען |
| עֲשָׂרָה גְמַלִּים | צעהן קעמלען |
| מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו | פון קעמלען פון זיין האר |
| וַיֵּלֶךְ | און ער איז געגאנגען |
| וְכָל־טוּב אֲדֹנָיו | און די גאנצע גוט׳ס פון זיין האר |
| בְּיָדוֹ | אין זיין האנט |
| וַיָּקָם | און ער איז אויפגעשטאנען |
| וַיֵּלֶךְ | און ער איז געגאנגען |
| אֶל־אֲרַם נַהֲרַיִם | צו ארם נהרים |
| אֶל־עִיר נָחוֹר: | צו די שטאט פון נחור |
| יא) וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים | און ער האט געמאכט קניען די קעמלען |

***********************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| מִחוּץ לָעִיר | פון דרויסן פון שטאט |
| אֶל־בְּאֵר הַמָּיִם | צו די ברונעם פון וואסער |
| לְעֵת עֶרֶב | צו די צייט פון פארנאכט |
| לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת: | צו די צייט וואס די שעפערקעס גייען ארויס |
| יב) וַיֹּאמַר | און ער האט געזאגט |
| ה׳ אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם | דער אויבערשטער דער ג–ט פון מיין הער אברהם |
| הַקְרֵה־נָא לְפָנַי | איך בעט דיך מאך טרעפן פאר מיר |
| הַיּוֹם | היינטיגן טאג |
| וַעֲשֵׂה־חֶסֶד | און מאך א חסד |
| עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם: | מיט מיין הער אברהם |
| יג) הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב | אט איך שטיי |
| עַל־עֵין הַמָּיִם | נעבן דעם קוואל וואסער |
| וּבְנוֹת אַנְשֵׁי הָעִיר | און די טעכטער פון די מענטשן פון שטאט |
| יֹצְאֹת | גייען ארויס |
| לִשְׁאֹב מָיִם: | צו שעפן וואסער |
| יד) וְהָיָה | און עס וועט זיין |
| הַנַּעֲרָה | די מיידל (די יונגע) |
| אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ | וואס איך וועל זאגן צו איהר |
| הַטִּי־נָא | איך בעט דיר בייג איין |
| כַדֵּךְ | דיין קריגל |
| וְאֶשְׁתֶּה | און איך וועל טרונקען |
| וְאָמְרָה | און זי וועט זאגן |
| שְׁתֵה | טרונק |
| וְגַם־גְּמַלֶּיךָ | און אויך דיינע קעמלען |
| אַשְׁקֶה | וועל איך אנטרונקען |
| אֹתָהּ הֹכַחְתָּ | איהר האסטו אנגעגרייט |
| לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק | צו דיין קנעכט צו יצחק |
| וּבָהּ אֵדַע | און מיט איהר זאל איך וויסן |

**********************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| כִּי–עָשִׂיתָ חֶסֶד | אז דו האטס געמאכט א חסד |
| עִם–אֲדֹנִי: | מיט מיין האר |
| טו) וַיְהִי | און ס'איז געווען |
| הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר | איידער ער האט געענדיגט רעדן |
| וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת | און אט רבקה גייט ארויס |
| אֲשֶׁר יֻלְּדָה | וואס זי איז געבוירען געווארן |
| לִבְתוּאֵל בֶּן–מִלְכָּה | צו בתואל דער זוהן פון מלכה |
| אֵשֶׁת נָחוֹר | די ווייב פון נחור |
| אֲחִי אַבְרָהָם | דער ברודער פון אברהם |
| וְכַדָּהּ | און איהר קריגל |
| עַל–שִׁכְמָהּ: | אויף איהר אקסל |
| טז) וְהַנַּעֲרָה | און די מיידל |
| טֹבַת מַרְאֶה מְאֹד | איז געווען זייער א שיינע אויסזעהן |
| בְּתוּלָה | א מיידל |
| וְאִישׁ לֹא יְדָעָהּ | און קיין איין מענטש האט נאכנישט מיט איהר חתונה געהאט |
| וַתֵּרֶד | און זי האט אראפגענידערט |
| הָעַיְנָה | צו דעם קוואל |
| וַתְּמַלֵּא כַדָּהּ | און זי האט אנגעפהילט איהר קריגל |
| וַתָּעַל: | און זי איז ארויף |
| יז) וַיָּרָץ הָעֶבֶד | און דער קנעכט איז געלאפן |
| לִקְרָאתָהּ | אנטקעגן איהר |
| וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| הַגְמִיאִינִי נָא | איך בעט דיר גיב מיר א זופ |
| מְעַט–מַיִם | אביסל וואסער |
| מִכַּדֵּךְ: | פון דיין קריגל |
| יח) וַתֹּאמֶר | און זי האט געזאגט |
| שְׁתֵה אֲדֹנִי | טרונק מיין האר |
| וַתְּמַהֵר | און זי האט זיך געאיילט |

*****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| וַתֹּרֶד כַּדָּהּ | און זי האט אראפגענידערט איהר קריגל |
| עַל–יָדָהּ | אויף איהר האנט |
| וַתַּשְׁקֵהוּ: | און זי האט איהם אנגטרונקען |
| יט) וַתְּכַל | און זי  האט געענדיגט |
| לְהַשְׁקֹתוֹ | איהם צו אנטרונקען |
| וַתֹּאמֶר | האט זי געזאגט |
| גַּם לִגְמַלֶּיךָ | אויך צו דיינע קעמלען |
| אֶשְׁאָב | וועל איך אנשעפן |
| עַד אִם–כִּלּוּ לִשְׁתֹּת: | ביז ווען זיי וועלן ענדיגן צו טרינקען |
| כ) וַתְּמַהֵר | און זי האט זיך געאיילט |
| וַתְּעַר כַּדָּהּ | און זי האט אויסגעגאסן איהר קריגל |
| אֶל–הַשֹּׁקֶת | צו דער געלעכערטער שטיין |
| וַתָּרָץ עוֹד | און זי איז געלאפן נאך |
| אֶל–הַבְּאֵר | צו דעם ברונעם |
| לִשְׁאֹב | צו אנשעפן |
| וַתִּשְׁאַב | און זי האט אנגעשעפט |
| לְכָל–גְּמַלָּיו: | צו אלע זיינע קעמלען |
| כא) וְהָאִישׁ | און דער מענטש |
| מִשְׁתָּאֵה לָהּ | וואונדערט זיך (פארקלערט) וועגן איהר |
| מַחֲרִישׁ | ער האט געשוויגן |
| לָדַעַת | צו וויסן |
| הַהִצְלִיחַ ה׳ | אויב דער אויבערשטער האט געמאכט באגליקן |
| דַּרְכּוֹ | זיין וועג |
| אִם–לֹא: | אויב נישט |
| כב) וַיְהִי | און ס'איז געווען |
| כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ הַגְּמַלִּים | ווען די קעמלען האבן געענדיגט |
| לִשְׁתּוֹת | צו טרינקען |
| וַיִּקַּח הָאִישׁ | און דער מענטש האט גענומען |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| נֶזֶם זָהָב | א גאלדענע נאז באנד |
| בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ | וואס זיין וואג איז א בקע (א האלבע שקל) |
| וּשְׁנֵי צְמִידִים | און צוויי מעניעס |
| עַל־יָדֶיהָ | אויף איהרע הענט |
| עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם: | וואס זיי וועגן צעהן גאלדענע שקלים |
| כג) וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| בַּת־מִי אַתְּ | וועמענ'ס טאכטער ביסטו |
| הַגִּידִי נָא לִי | איך בעט דיר זאג צו מיר |
| הֲיֵשׁ בֵּית־אָבִיךְ | צו ס'איז דא אין דיין טאטנ'ס שטוב |
| מָקוֹם לָנוּ | א ארט צו אונז |
| לָלִין: | צו נעכטיגן |
| כד) וַתֹּאמֶר אֵלָיו | און זי האט געזאגט צו איהם |
| בַּת־בְּתוּאֵל אָנֹכִי | איך בין די טאכטער פון בתואל |
| בֶּן־מִלְכָּה | דער זוהן פון מלכה |
| אֲשֶׁר יָלְדָה לְנָחוֹר: | וואס זי האט געבוירן צו נחור |
| כה) וַתֹּאמֶר אֵלָיו | און זי האט געזאגט צו איהם |
| גַּם־תֶּבֶן | אויך שטרוי |
| גַּם־מִסְפּוֹא | אויך אלע סארטן עסן |
| רַב עִמָּנוּ | איז דא אסאך מיט אונז |
| גַּם־מָקוֹם לָלוּן: | אויך א ארט צו נעכטיגן |
| כו) וַיִּקֹּד הָאִישׁ | און דער מאן האט געקניהט |
| וַיִּשְׁתַּחוּ | און ער האט זיך געבוקט |
| לַה': | צום אויבערשטן |
| [רביעי] | רביעי |
| כז) וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| בָּרוּךְ ה' | געלויבט איז דער אויבערשטער |
| אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם | דער ג–ט פון מיין האר אברהם |
| אֲשֶׁר לֹא־עָזַב | וואס ער האט נישט פארלאזט |

***************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| חַסְדּוֹ | זיין חסד |
| וַאֲמִתּוֹ | און זיין אמת |
| מֵעִם אֲדֹנִי | פון מיין האר |
| אָנֹכִי | איך |
| בַּדֶּרֶךְ נָחַנִי ה׳ | דער אויבערשטער האט מיר געפיהרט אין די וועג |
| בֵּית אֲחֵי אֲדֹנִי: | אין די שטוב פון מיין האר׳ס ברידער׳ס |
| כח) וַתָּרָץ הַנַּעֲרָה | און די מיידל איז געלאפן |
| וַתַּגֵּד | און זי האט דערציילט (געזאגט) |
| לְבֵית אִמָּהּ | צו איהר מאמעס שטוב |
| כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה: | אזוי ווי די רייד |
| כט) וּלְרִבְקָה אָח | און צו רבקה איז געווען א ברודער |
| וּשְׁמוֹ לָבָן | און זיין נאמען איז לבן |
| וַיָּרָץ לָבָן | און לבן איז געלאפן |
| אֶל־הָאִישׁ | צו דער מענטש |
| הַחוּצָה | אינדרויסן |
| אֶל־הָעָיִן: | צו דעם קוואל |
| ל) וַיְהִי | און ס׳איז געווען |
| כִּרְאֹת | אז ער האט געזעהן |
| אֶת־הַנֶּזֶם | די נאז באנד |
| וְאֶת־הַצְּמִדִים | און די מעניעס |
| עַל־יְדֵי אֲחֹתוֹ | אויף די הענט פון זיין שוועסטער |
| וּכְשָׁמְעוֹ | און אז ער האט געהערט |
| אֶת־דִּבְרֵי רִבְקָה אֲחֹתוֹ | די רייד פון זיין שוועסטער רבקה |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| כֹּה־דִבֶּר אֵלַי הָאִישׁ | אזוי האט דער מענטש גערעדט צו מיר |
| וַיָּבֹא | און ער איז געקומען |
| אֶל־הָאִישׁ | צו דער מענטש |
| וְהִנֵּה עֹמֵד | און אט ער שטייט |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| עַל־הַגְּמַלִּים | נעבן די קעמלען |
| עַל־הָעָיִן: | נעבן דעם קוואל |
| לא) וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| בּוֹא | קום |
| בְּרוּךְ ה׳ | דער געבענטשטער פון אויבערשטן |
| לָמָּה תַעֲמֹד בַּחוּץ | פארוואס זאלסטו שטיין אינדרויסן |
| וְאָנֹכִי פִּנִּיתִי הַבַּיִת | און איך האב אויסגערוימט די שטוב פון ע״ז |
| וּמָקוֹם לַגְּמַלִּים: | און ס׳איז דא א ארט צו די קעמלען |
| לב) וַיָּבֹא הָאִישׁ | און דער מענטש איז אריינגעקומען |
| הַבַּיְתָה | אין שטוב |
| וַיְפַתַּח | און ער האט אויפגעעפנט די שלייער |
| הַגְּמַלִּים | פון די קעמלען |
| וַיִּתֵּן | און ער האט געגעבן |
| תֶּבֶן | שטרוי |
| וּמִסְפּוֹא | און אלע סארט עסן |
| לַגְּמַלִּים | צו די קעמלען |
| וּמַיִם | און וואסער |
| לִרְחֹץ רַגְלָיו | צו וואשן זיינע פיס |
| וְרַגְלֵי הָאֲנָשִׁים | און די פיס פון די מענטשן |
| אֲשֶׁר אִתּוֹ: | וואס זענען מיט איהם |
| לג) וַיּוּשַׂם לְפָנָיו | און עס איז געטאהן געווארן פאר איהם |
| לֶאֱכֹל | צו עסן |
| וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| לֹא אֹכַל | איך וועל נישט עסן |
| עַד אִם־דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי | ביז איך וועל רעדן מיינע רייד |
| וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| דַּבֵּר: | רעד |
| לד) וַיֹּאמַר | און ער האט געזאגט |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי׃ | דער קנעכט פון אברהם בין איך |
| לה) וַה׳ | און דער אויבערשטער |
| בֵּרַךְ אֶת–אֲדֹנִי | האט געבענטשט מיין האר |
| מְאֹד | זייער |
| וַיִּגְדָּל | און ער איז גרויס געווארן |
| וַיִּתֶּן–לוֹ | און ער האט איהם געגעבן |
| צֹאן וּבָקָר | שאף און רינדער |
| וְכֶסֶף וְזָהָב | און זילבער און גאלד |
| וַעֲבָדִם וּשְׁפָחֹת | און קנעכט און דינסטן |
| וּגְמַלִּים | און קעמלען |
| וַחֲמֹרִים׃ | און אייזלען |
| לו) וַתֵּלֶד שָׂרָה | און שרה האט געבוירן |
| אֵשֶׁת אֲדֹנִי | די ווייב פון מיין האר |
| בֵן | א זוהן |
| לַאדֹנִי | צו מיין האר |
| אַחֲרֵי זִקְנָתָהּ | נאך איהר עלטער |
| וַיִּתֶּן–לוֹ | און ער האט געגעבן צו איהם (אברהם צו יצחק) |
| אֶת–כָּל–אֲשֶׁר–לוֹ׃ | אלעס וואס איז צו איהם |
| לז) וַיַּשְׁבִּעֵנִי אֲדֹנִי | און מיין האר האט מיר באשווארן |
| לֵאמֹר | אזוי צו זאגן |
| לֹא–תִקַּח | דו זאלסט נישט נעמען |
| אִשָּׁה | א ווייב |
| לִבְנִי | צו מיין זוהן |
| מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי | פון די טעכטער פון דעם כנעני |
| אֲשֶׁר אָנֹכִי יֹשֵׁב | וואס איך זיין |
| בְּאַרְצוֹ׃ | אין זיין לאנד |
| לח) אִם–לֹא | אויב נישט אזוי |
| אֶל–בֵּית–אָבִי | צו מיין טאטנ׳ס שטוב |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| תֵּלֵךְ | זאלסטו גיין |
| וְאֶל-מִשְׁפַּחְתִּי | און צו מיין משפחה |
| וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה | און דו זאלסט נעמען א ווייב |
| לִבְנִי: | צו מיין זוהן |
| לט) וָאֹמַר | און איך האב געזאגט |
| אֶל-אֲדֹנִי | צו מיין האר |
| אֻלַי | טאמער |
| לֹא-תֵלֵךְ הָאִשָּׁה | וועט די ווייב נישט וועלן גיין |
| אַחֲרָי: | נאך מיר |
| מ) וַיֹּאמֶר אֵלָי | און ער האט געזאגט צו מיר |
| ה׳ | דער אויבערשטער |
| אֲשֶׁר-הִתְהַלַּכְתִּי | וואס איך בין געגאנגען |
| לְפָנָיו | פאר איהם |
| יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ | וועט שיקן זיין מלאך |
| אִתָּךְ | מיט דיר |
| וְהִצְלִיחַ | און ער וועט מאכן באגליקן |
| דַּרְכֶּךָ | דיין וועג |
| וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה | און דו זאלסט נעמען א ווייב |
| לִבְנִי | צו מיין זוהן |
| מִמִּשְׁפַּחְתִּי | פון מיין משפחה |
| וּמִבֵּית אָבִי: | און פון מיין טאטנ׳ס שטוב |
| מא) אָז תִּנָּקֶה | דעמאלטס וועסטו זיין ריין |
| מֵאָלָתִי | פון מיין שבועה |
| כִּי תָבוֹא | אז דו וועסט קומען |
| אֶל-מִשְׁפַּחְתִּי | צו מיין משפחה |
| וְאִם-לֹא יִתְּנוּ לָךְ | און אויב זיי וועלן נישט געבן צו דיר |
| וְהָיִיתָ נָקִי | וועסטו זיין ריין |
| מֵאָלָתִי: | פון מיין שבועה |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| מב) וָאָבֹא הַיּוֹם | און איך בין געקומען היינטיגן טאג |
| אֶל־הָעָיִן | צו דעם קוואל |
| וָאֹמַר | און איך האב געזאגט |
| ה׳ אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם | דער אויבערשטער דער ג-ט פון מיין האר אברהם |
| אִם־יֶשְׁךָ־נָּא | איך בעט דיר אז אויב דו ווילסט |
| מַצְלִיחַ | צו מאכן באגליקן |
| דַּרְכִּי | מיין וועג |
| אֲשֶׁר אָנֹכִי הֹלֵךְ עָלֶיהָ: | וואס איך גיי אויף איהר |
| מג) הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב | אט איך שטיי |
| עַל־עֵין הַמָּיִם | נעבן דעם קוואל וואסער |
| וְהָיָה | און ס׳וועט זיין |
| הָעַלְמָה | די מיידל |
| הַיֹּצֵאת | וואס זי גייט ארויס |
| לִשְׁאֹב | צו שעפן |
| וְאָמַרְתִּי אֵלֶיהָ | און איך וועל זאגן צו איהר |
| הַשְׁקִינִי־נָא | איך בעט דיר טרינק מיר אהן |
| מְעַט־מַיִם | אביסל וואסער |
| מִכַּדֵּךְ: | פון דיין קריגל |
| מד) וְאָמְרָה אֵלַי | און זי וועט זאגן צו מיר |
| גַּם־אַתָּה | דו אויך |
| שְׁתֵה | טרונק |
| וְגַם לִגְמַלֶּיךָ | און אויך צו דיינע קעמלען |
| אֶשְׁאָב | וועל איך אנשעפן |
| הִוא הָאִשָּׁה | דאס איז די ווייב |
| אֲשֶׁר־הֹכִיחַ ה׳ | וואס דער אויבערשטער האט אויפגעוויזן קלאר |
| לְבֶן־אֲדֹנִי: | אז ס׳איז צו דער זוהן פון מיין האר |
| מה) אֲנִי טֶרֶם אֲכַלֶּה | איידער איך האב געענדיגט |
| לְדַבֵּר אֶל־לִבִּי | צו רעדן צו מיין הארץ |

******************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת | און אט רבקה גייט ארויס |
| וְכַדָּהּ | און איהר קריגל |
| עַל–שִׁכְמָהּ | איז אויף איהר אקסל |
| וַתֵּרֶד הָעַיְנָה | און זי האט אראפגענידערט צו דער קוואל |
| וַתִּשְׁאָב | און זי האט אנגעשעפט |
| וָאֹמַר אֵלֶיהָ | און איך האב געזאגט צו איהר |
| הַשְׁקִינִי נָא: | איך בעט דיר טרונק מיר אהן |
| מו) וַתְּמַהֵר | און זי האט זיך געאיילט |
| וַתּוֹרֶד כַּדָּהּ | און זי האט אראפגענידערט איהר קריגל |
| מֵעָלֶיהָ | פון אויף איהר |
| וַתֹּאמֶר | און זי האט געזאגט |
| שְׁתֵה | טרונק |
| וְגַם–גְּמַלֶּיךָ | און אויך דיינע קעמלען |
| אַשְׁקֶה | וועל איך אנטרונקען |
| וָאֵשְׁתְּ | און איך האב געטרונקען |
| וְגַם הַגְּמַלִּים | און אויך די קעמלען |
| הִשְׁקָתָה: | האט זי אנגעטרונקען |
| מז) וָאֶשְׁאַל אֹתָהּ | און איך האב איהר געפרעגט |
| וָאֹמַר | און איך האב געזאגט |
| בַּת–מִי אַתְּ | וועמענס טאכטער ביסטו |
| וַתֹּאמֶר | און זי האט געזאגט |
| בַּת–בְּתוּאֵל | די טאכטער פון בתואל |
| בֶּן–נָחוֹר | דער זוהן פון נחור |
| אֲשֶׁר יָלְדָה לּוֹ מִלְכָּה | וואס מלכה האט געבוירן צו איהם |
| וָאָשִׂם הַנֶּזֶם | און איך האב ארויף געטוהן דעם נאז באנד |
| עַל–אַפָּהּ | אויף איהר נאז |
| וְהַצְּמִידִים | און די מעניעס |
| עַל–יָדֶיהָ: | אויף איהרע הענט |

***************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| מח) וָאֶקֹּד | און איך האב געקניהט |
| וָאֶשְׁתַּחֲוֶה | און איך האב זיך געבוקט |
| לַה' | צום אויבערשטן |
| וָאֲבָרֵךְ אֶת-ה' | און איך האב געלויבט דעם אויבערשטן |
| אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם | דער ג-ט פון מיין האר אברהם |
| אֲשֶׁר הִנְחַנִי | וואס ער האט מיר געפיהרט |
| בְּדֶרֶךְ אֱמֶת | אין די ריכטיגע וועג |
| לָקַחַת | צו נעמען |
| אֶת בַּת אֲחִי אֲדֹנִי | די טאכטער פון דער ברודער פון מיין האר |
| לִבְנוֹ: | פאר זיין זוהן |
| מט) וְעַתָּה | און יעצט |
| אִם יֶשְׁכֶם עֹשִׂים | אויב איהר ווילט מאכן |
| חֶסֶד וֶאֱמֶת | א חסד מיט א אמת |
| אֶת-אֲדֹנִי | מיט מיין האר |
| הַגִּידוּ לִי | זאגט צו מיר אז יא |
| וְאִם-לֹא | און אויב איהר ווילט נישט |
| הַגִּידוּ לִי | זאגט צו מיר אז ניין |
| וְאֶפְנֶה | און איך וועל זיך קערן |
| עַל-יָמִין | אויף רעכטס |
| אוֹ עַל-שְׂמֹאל: | אדער אויף לינקס |
| נ ) וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל | און לבן און בתואל האבן געענטפערט |
| וַיֹּאמְרוּ | און זיי האבן געזאגט |
| מֵה' יָצָא הַדָּבָר | די זאך איז ארויס פון אויבערשטן |
| לֹא נוּכַל | מיר קענען נישט |
| דַּבֵּר אֵלֶיךָ | צו רעדן צו דיר |
| רַע אוֹ-טוֹב: | שלעכטס אדער גוטס |
| נא) הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ | אט איז רבקה פאר דיר |
| קַח וָלֵךְ | נעם און גיי |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| וּתְהִי אִשָּׁה | און זי וועט זיין א ווייב |
| לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ | צו דער זוהן פון דיין האר |
| כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳: | אזוי ווי דער אויבערשטער האט גערעדט |
| נב) וַיְהִי | און ס׳איז געווען |
| כַּאֲשֶׁר שָׁמַע עֶבֶד אַבְרָהָם | ווען דער קנעכט פון אברהם האט געהערט |
| אֶת־דִּבְרֵיהֶם | זייערע רייד |
| וַיִּשְׁתַּחוּ | און ער האט ז יך געבוקט |
| אַרְצָה | צו די ערד |
| לַה׳: | צום אויבערשטן |
| [חמישי] | |
| (נג) וַיּוֹצֵא הָעֶבֶד | און דער קנעכט האט ארויס גענויגן |
| כְּלֵי כֶסֶף | זילבערנע כלים |
| וּכְלֵי זָהָב | און גאלדענע כלים |
| וּבְגָדִים | און קליידער |
| וַיִּתֵּן לְרִבְקָה | און ער האט דאס געגעבן פאר רבקה |
| וּמִגְדָּנֹת | און זיסע זאכן |
| נָתַן | האט ער געגעבן |
| לְאָחִיהָ | צו איהר ברודער |
| וּלְאִמָּהּ: | און צו איהר מאמע |
| (נד) וַיֹּאכְלוּ | און זיי האבן געגעסן |
| וַיִּשְׁתּוּ | און זיי האבן געטרינקען |
| הוּא | ער |
| וְהָאֲנָשִׁים | און די מענטשן |
| אֲשֶׁר עִמּוֹ | וואס זענען מיט איהם |
| וַיָּלִינוּ | און זיי האבן גענעכטיגט |
| וַיָּקוּמוּ בַבֹּקֶר | און זיי זענען אויפגעשטאנען אינדערפרי |
| וַיֹּאמֶר | און ער האט געזאגט |
| שַׁלְּחֻנִי | שיקט מיר אוועק |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| לַאדֹנִי: | צו מיין האר |
| (נה) וַיֹּאמֶר אָחִיהָ וְאִמָּהּ | און איהר ברודער מיט איהר מאמע האבן געזאגט |
| תֵּשֵׁב הַנַּעֲרָה | זאל די מיידל זיצן |
| אִתָּנוּ | מיט אונז |
| יָמִים | א יאהר |
| אוֹ עָשׂוֹר | אדער צעהן חדשים |
| אַחַר תֵּלֵךְ: | נאכדעם וועט זי גיין |
| (נו) וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם | און ער האט געזאגט צו זיי |
| אַל תְּאַחֲרוּ אֹתִי | איך בעט אייך איהר זאלט מיר נישט פארזוימען |
| וַה' הִצְלִיחַ דַּרְכִּי | און דער אויבערשטער האט געמאכט באגליקן מיין וועג |
| שַׁלְּחוּנִי | שיקט מיר אוועק |
| וְאֵלְכָה | און איך וועל גיין |
| לַאדֹנִי: | צו מיין האר |
| (נז) וַיֹּאמְרוּ | און זיי האבן געזאגט |
| נִקְרָא לַנַּעֲרָה | לאמיר רופן צו די מיידל |
| וְנִשְׁאֲלָה | און מיר וועלן פרעגן |
| אֶת פִּיהָ: | איהר מויל |
| (נח) וַיִּקְרְאוּ לְרִבְקָה | און זיי האבן גערופן צו רבקה |
| וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ | און זיי האבן געזאגט צו איהר |
| הֲתֵלְכִי | צו דו ווילסט גיין שוין |
| עִם הָאִישׁ הַזֶּה | מיט דער מענטש |
| וַתֹּאמֶר | און זי האט געזאגט |
| אֵלֵךְ: | איך וויל גיין שוין |
| (נט) וַיְשַׁלְּחוּ | און זיי האבן אוועקגעשיקט |
| אֶת רִבְקָה אֲחֹתָם | זייער שוועסטער רבקה |
| וְאֶת מֵנִקְתָּהּ | און איהר זייגערין |
| וְאֶת עֶבֶד אַבְרָהָם | און דער קנעכט פון אברהם |
| וְאֶת אֲנָשָׁיו: | און זיינע מענטשן |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| (ס) וַיְבָרֲכוּ אֶת רִבְקָה | און זיי האבן געבענטשט פאר רבקה |
| וַיֹּאמְרוּ לָהּ | און זיי האבן געזאגט צו איהר |
| אֲחֹתֵנוּ | אונזער שוועסטער |
| אַתְּ הֲיִי | דו זאלסט זיין (א מאמע) |
| לְאַלְפֵי | צו טויזנטער (קינדער) |
| רְבָבָה | צענדליגער טויזנטער (קינדער) |
| וְיִירַשׁ זַרְעֵךְ | און דיינע קינדער זאלן ירש'ענען |
| אֵת שַׁעַר שֹׂנְאָיו: | דער טויער פון זייער פיינט |
| (סא) וַתָּקָם רִבְקָה | און רבקה איז אויפגעשטאנען |
| וְנַעֲרֹתֶיהָ | און איהרע (יונגע) דינסטן |
| וַתִּרְכַּבְנָה | און זיי האבן געריטן |
| עַל הַגְּמַלִּים | אויף די קעמלען |
| וַתֵּלַכְנָה | און זיי זענען געגאנגען |
| אַחֲרֵי הָאִישׁ | נאך דעם מענטש |
| וַיִּקַּח הָעֶבֶד | און דער קנעכט האט גענומען |
| אֶת רִבְקָה | די רבקה |
| וַיֵּלַךְ: | און ער איז אוועק געגאנגען |
| (סב) וְיִצְחָק בָּא | און יצחק איז געקומען |
| מִבּוֹא | פון א קומונג |
| בְּאֵר לַחַי רֹאִי | פון באר לחי ראי |
| וְהוּא יוֹשֵׁב | און ער זיצט |
| בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב: | אין די לאנד פון דרום זייט |
| (סג) וַיֵּצֵא יִצְחָק | און יצחק איז ארויס |
| לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה | צו דאווענען אין פעלד |
| לִפְנוֹת עָרֶב | ווען ס'קערט זיך צו ווערן פארנאכט |
| וַיִּשָּׂא עֵינָיו | און ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן |
| וַיַּרְא | און ער האט געזעהן |
| וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים: | און אט קעמלען קומען |

******************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| (סד) וַתִּשָּׂא רִבְקָה | און רבקה האט אויפגעהויבן |
| אֶת עֵינֶיהָ | איהרע אויגן |
| וַתֵּרֶא | און זי האט געזעהן |
| אֶת יִצְחָק | דעם יצחק |
| וַתִּפֹּל | און זי האט זיך אראפ געבויגן |
| מֵעַל הַגָּמָל: | פון אויף דעם קעמל |
| (סה) וַתֹּאמֶר אֶל הָעֶבֶד | און זי האט געזאגט צו דעם קנעכט |
| מִי הָאִישׁ הַלָּזֶה | ווער איז דאס דער מענטש |
| הַהֹלֵךְ בַּשָּׂדֶה | וואס ער גייט אין פעלד |
| לִקְרָאתֵנוּ | אנטקעגן אונז |
| וַיֹּאמֶר הָעֶבֶד | און דער קנעכט האט געזאגט |
| הוּא אֲדֹנִי | ער איז מיין האר |
| וַתִּקַּח הַצָּעִיף | און זי האט גענומען א טיכל |
| וַתִּתְכָּס: | און זי האט זיך צוגעדעקט |
| (סו) וַיְסַפֵּר הָעֶבֶד לְיִצְחָק | און דער קנעכט האט דערציילט צו יצחק |
| אֵת כָּל הַדְּבָרִים | די אלע זאכן |
| אֲשֶׁר עָשָׂה: | וואס ער האט געמאכט |
| (סז) וַיְבִאֶהָ יִצְחָק | און יצחק האט איהר אריינגעברענגט |
| הָאֹהֱלָה | צו דעם געצעלט |
| שָׂרָה אִמּוֹ | פון שרה זיין מאמע |
| וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה | און ער האט גענומען רבקה |
| וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה | און זי איז געווארן צו איהם צו א ווייב |
| וַיֶּאֱהָבֶהָ | און ער האט איהר ליב געהאט |
| וַיִּנָּחֵם יִצְחָק | און יצחק האט זיך געטרייסט |
| אַחֲרֵי אִמּוֹ: | נאך זיין מאמע |
| קאפיטל כ״ה שישי | |
| (א) וַיֹּסֶף אַבְרָהָם | און אברהם האט געמערט |
| וַיִּקַּח אִשָּׁה | און ער האט גענומען א ווייב |

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| וּשְׁמָהּ קְטוּרָה: | און איהר נאמען איז קטורה |
| (ב) וַתֵּלֶד לוֹ | און זי האט געבוירן צו איהם |
| אֶת זִמְרָן | דעם זמרן |
| וְאֶת יָקְשָׁן | און דעם יקשן |
| וְאֶת מְדָן | און דעם מדן |
| וְאֶת מִדְיָן | און דעם מדין |
| וְאֶת יִשְׁבָּק | און דעם ישבק |
| וְאֶת שׁוּחַ: | און דעם שוח |
| (ג) וְיָקְשָׁן יָלַד | און יקשן האט געבוירן |
| אֶת שְׁבָא | דעם שבא |
| וְאֶת דְּדָן | און דעם דדן |
| וּבְנֵי דְדָן | און די קינדער פון דדן |
| הָיוּ | זענען געווען |
| אַשּׁוּרִם וּלְטוּשִׁם וּלְאֻמִּים: | אשורים און לטושים און לאומים |
| (ד) וּבְנֵי מִדְיָן | און די קינדער פון מדין |
| עֵיפָה וָעֵפֶר וַחֲנֹךְ | עיפה און עפר און חנוך |
| וַאֲבִידָע וְאֶלְדָּעָה | און אבידע און אלדעה |
| כָּל אֵלֶּה | די אלע |
| בְּנֵי קְטוּרָה: | זענען די קינדער פון קטורה |
| (ה) וַיִּתֵּן אַבְרָהָם | און אברהם האט געגעבן |
| אֶת כָּל אֲשֶׁר לוֹ | אלעס וואס איז צו איהם |
| לְיִצְחָק: | צו יצחק |
| (ו) וְלִבְנֵי הַפִּילַגְשִׁים | און צו די קינדער פון די דינסט ווייבער |
| אֲשֶׁר לְאַבְרָהָם | וואס איז צו אברהם |
| נָתַן אַבְרָהָם | האט אברהם געגעבן |
| מַתָּנֹת | מתנות |
| וַיְשַׁלְּחֵם | און ער האט זיי אוועק געשיקט |
| מֵעַל יִצְחָק בְּנוֹ | פון נעבן זיין זוהן יצחק |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| בְּעוֹדֶנּוּ חַי | ווען ער האט נאך געלעבט |
| קֵדְמָה | צו מזרח זייט |
| אֶל אֶרֶץ קֶדֶם: | צו די לאנד קדם |
| (ז) וְאֵלֶּה יְמֵי | און דאס זענען די טעג |
| שְׁנֵי חַיֵּי אַבְרָהָם | פון די יאהרן פון דעם לעבן פון אברהם |
| אֲשֶׁר חָי | וואס ער האט געלעבט |
| מְאַת שָׁנָה | הונדערט יאהר |
| וְשִׁבְעִים שָׁנָה | און זיבעציג יאהר |
| וְחָמֵשׁ שָׁנִים: | און פינעף יאהר |
| (ח) וַיִּגְוַע | און ער איז געווארן פארגאנגען |
| וַיָּמָת אַבְרָהָם | און אברהם איז געשטארבן |
| בְּשֵׂיבָה טוֹבָה | מיט א גוטן עלטער |
| זָקֵן | א אלטער |
| וְשָׂבֵעַ | און א זאטער |
| וַיֵּאָסֶף | און ער איז געווארן איינגעזאמלט |
| אֶל עַמָּיו: | צו זיין פאלק |
| (ט) וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ | און זיי האבן איהם באגראבן |
| יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל | יצחק און ישמעאל |
| בָּנָיו | זיינע קינדער |
| אֶל מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה | צו (אין) די טאפלטע מערה |
| אֶל שְׂדֵה | צו (אין) די פעלד |
| עֶפְרֹן בֶּן צֹחַר | פון עפרון דער זוהן פון צוחר |
| הַחִתִּי | דער חתי |
| אֲשֶׁר עַל פְּנֵי מַמְרֵא: | וואס איז פאר ממרא |
| (י) הַשָּׂדֶה | די פעלד |
| אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם | וואס אברהם האט געקויפט |
| מֵאֵת בְּנֵי חֵת | פון די קינדער פון חת |
| שָׁמָּה קֻבַּר אַבְרָהָם | דארטן איז אברהם באגראבן געווארן |

**************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| וְשָׂרָה אִשְׁתּוֹ: | און שרה זיין ווייב |
| (יא) וַיְהִי | און ס'איז געווען |
| אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם | נאכדעם וואס אברהם איז געשטארבן |
| וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים | און דער אויבערשטער האט געבענטשט |
| אֶת יִצְחָק בְּנוֹ | זיין זוהן יצחק |
| וַיֵּשֶׁב יִצְחָק | און יצחק איז געזעסן |
| עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי: | נעבן באר לחי רואי |
| שביעי | |
| (יב) וְאֵלֶּה תֹּלְדֹת יִשְׁמָעֵאל | און דאס זענען די קינדער פון ישמעאל |
| בֶּן אַבְרָהָם | דער זוהן פון אברהם |
| אֲשֶׁר יָלְדָה הָגָר הַמִּצְרִית | וואס הגר די מצרי'שע האט געבוירן |
| שִׁפְחַת שָׂרָה | די דינסט פון שרי |
| לְאַבְרָהָם: | צו אברהם |
| (יג) וְאֵלֶּה שְׁמוֹת | און דאס זענען די נעמען |
| בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל | פון די קינדער פון ישמעאל |
| בִּשְׁמֹתָם | מיט זייערע נעמען |
| לְתוֹלְדֹתָם | נאך זייערע געבירונגען |
| בְּכֹר יִשְׁמָעֵאל | דער בכור פון ישמעאל |
| נְבָיֹת | איז נביות |
| וְקֵדָר | און קדר |
| וְאַדְבְּאֵל | און אדבאל |
| וּמִבְשָׂם: | און מבשם |
| (יד) וּמִשְׁמָע | און משמע |
| וְדוּמָה | און דומה |
| וּמַשָּׂא: | און משא |
| (טו) חֲדַד וְתֵימָא | חדד און תימא |
| יְטוּר נָפִישׁ וָקֵדְמָה: | יטור און נפיש און קדמה |
| מפטיר | |

****************************************

# טייטשן

## פרשת חיי שרה

| | |
|---|---|
| (טז) אֵלֶּה הֵם | דאס זענען זיי |
| בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל | די קינדער פון ישמעאל |
| וְאֵלֶּה שְׁמֹתָם | און זענען זייערע נעמען |
| בְּחַצְרֵיהֶם | אין זייערע אפענע שטעט |
| וּבְטִירֹתָם | און אין זייערע פאלאצן |
| שְׁנֵים עָשָׂר נְשִׂיאִם | צוועלעף נשיאים |
| לְאֻמֹּתָם: | צו זייערע פעלקער |
| (יז) וְאֵלֶּה שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל | און דאס זענען די יאהרן פון דער לעבן פון ישמעאל |
| מְאַת שָׁנָה | הונדערט יאהר |
| וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה | און דרייסיג יאהר |
| וְשֶׁבַע שָׁנִים | און זיבן יאהר |
| וַיִּגְוַע | און ער איז פארגאנגען |
| וַיָּמָת | און ער איז געשטארבן |
| וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו: | און ער איז געווארן איינגעזאמלט צו זיין פאלק |
| (יח) וַיִּשְׁכְּנוּ | און זיי האבן גערוהט (די בני ישמעאל) |
| מֵחֲוִילָה | פון חוילה |
| עַד שׁוּר | ביז שור |
| אֲשֶׁר עַל פְּנֵי מִצְרַיִם | וואס איז פאר מצרים (שור) |
| בֹּאֲכָה אַשּׁוּרָה | וואס מ׳קומט אין אשור (חוילה) |
| עַל פְּנֵי כָל אֶחָיו | אויף פאר זיינע אלע ברידער׳ס |
| נָפָל: | האט ער גערוהט |